בסיעתא דשמיא

גליון פרדס התורה

פרשת פנחס

תשפ"ו

אידיש

נתנדב לזכות הרבים

# א קוואל פון חיזוק



מאמר הפרשה • בין המצרים • שבת קודש • טבריה של מעלה

# פרנס השבוע

נתנדב לע"נ

**הרה"ח ר' חיים משה**

**בן הרה"ח ר' דוב ז"ל**

נלב"ע י"ד תמוז

**ת.נ.צ.ב.ה.**




## י"ל ע"י מערכת 'פרדס התורה' לכתיבת ועריכת שיעורי מורינו הרב שליט"א

◆ ◆ ◆

הגליון יצא לאור בהסכמת גדולי ישראל בארץ הקודש, דייני העדה החרדית, וגדולי רבני ארה"ב

(ההסכמות במילואם נמצא בספר 'טבריא של מעלה' שיצא לאור ע"י מורינו הרב שליט"א)

◆ ◆ ◆

## די גליונות קען מען באקומען ביי די פאלגענדיגע לאקאלן:

**בארא פארק**

ביהמ"ד שומרי שבת
5302 13 Ave.

ביהמ"ד עדת יראים וויען
1350 50 St.

ביהמ"ד הדרת קודש סוואליווע
4801 15 Ave.

**וויליאמסבורג**

בנין בראך למטה לאקער #405
Bedford Cor. Park

כתר רזשודעיקא
801 Bedford Ave.

מאורות
218 Wallabout St.

**מאנסי**

ביהמ"ד זוועהיל
101 W Maple Ave.

שיינער'ס שול
18 Forshay Rd.

**קרית יואל**

כתר רזשודעיקא
97 Acres Rd.

**לעיקוואר**

כתר רזשודעיקא
12 America Ave.

ביהמ"ד סאטמאר
405 Forest Ave.

ביהמ"ד צאנז קלויזענבורג
25 Havens Ave.

ביהמ"ד בעלזא
44 Grove Springs Ct.

**טאמס ריווער**

ביהמ"ד קהל בני יששכר
1767 Whitesville Rd.

**פלטבוש**

MB VINEYARD
3012 AVE J

◆ ◆ ◆

©

להצטרפות קבלת שיעורי מורינו הרב שליט"א והגליונות באימייל, ניתן לפנות:
shiurimlishmo@gmail.com

להצטרפות קבלת הגליונות לבד באימייל, ניתן לפנות:
pardesgilyones@gmail.com

שיעורי
הרה"ג רבי יששכר יהודה
בערקוי שליט"א
אב"ד פרדס התורה
מח"ס שו"ת יהודה מחוקקי

# פרדס התורה

פרשת פנחס
תשפ"ו
גליון 36

אידיש

זכות פטרון השנה נתנדב לעילוי נשמת
אלטע פערל רויזא בת הרה"ח ר' חיים משה ע"ה
נפטרה ו' ניסן האי שתא אחר קבלת יסודים באהבה ובאמונה ובטחון,
והיתה למופת לזה לכל משפחתה ומכירי' • ת.נ.צ.ב.ה.

## אינעם גליון:

3 מאמר הפרשה
4 בין המצרים
6 שבת קודש
9 טבריא של מעלה

## מאמר הפרשה

# דער לימוד פון 'פנחס': נישט מורא האבן פאר קיין שום מענטש אין דער וועלט

### דער יצה"ר פו 'מה יאמרו הבריות'!

**"פִּנְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן... בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם"** (במדבר כה, יא).

א מענטש וויל זיך דורכאויס דעם לעבן אזוי פיל מאָל טוישן צום גוטן. דער הייליגער **בעש"ט הק'** זי"ע זאָגט, אז דאס וואס די **גמרא** זאגט אין מסכת חגיגה (דף טו.) אז אַ בת קול גייט ארויס יעדן טאג פון הר חורב און רופט אויס "שובו בנים שובבים", מיינט דאס די הרגשים און התעוררות וואס יעדער מענטש פילט אין זיין האַרץ, וואס וועקן אים אויף יעדן טאג און זאגן אים: "קום, נעם דיך לערנען מער פלייסיג, הייב אָן דאווענען מיט מער כוונה, לייג אריין כוחות אין אַ שבת קודש, פאנג אָן צו שפירן א קרבת ה', און הייב אָן צו היטן די אויגן".

זייער אָפט נעמען מיר זיך טאקע דערצו און מיר לייגן אריין כוחות מיט אַן אמת'ע מסירות נפש, אבער דאָ קומט אריין אַ צווייטער יצר הרע וואס שטערט אונז. דער יצר הרע הייסט:

**"מה יאמרו הבריות"**.

וואס וועלן מענטשן זאגן? אויב איך וועל מיך נעמען לערנען פלייסיג, דאַווענען מיט אַן ערנסטקייט און היטן די אויגן, וועלן מענטשן מיינען אז עפעס איז געשען מיט מיר, אדער אז איך בין נישט קיין נאָרמאַלער מענטש. א בחור האט מורא פון די אנדערע בחורים אין ישיבה. א יונגערמאן האט מורא וואס זיינע חברים וועלן זאגן. און ביי אַן עלטערער מענטש אין די מיטעלע יארן וועט מען אָנהייבן זאגן אז עפעס האט אים אָנגעכאַפּט, "ער איז שוין נישט אזוי ווי אמאל". און דער מענטש ווערט פשוט צעבראכן און צוקנאַקט דערפון.

### מה נשתנה הלכות 'שבת' להלכות 'מה יאמרו הבריות'...

דער הייליגער **ווילנער גאון** זי"ע שרייבט אין זיין פירוש אויף 'משלי' אויפ'ן פסוק "הוֹן עָשִׁיר קִרְיַת עֻזּוֹ, וּכְחוֹמָה נִשְׂגָּבָה בְּמַשְׂכִּיתוֹ" (יח, יא), אז **דער יצר הרע פון 'מה יאמרו הבריות' איז פיל שווערער און שטערקער פונעם געווענליכן אינערליכן יצר הרע.**

דער הייליגער אלטער פון קעלם זי"ע ברענגט אין **כתבי הסבא** (חלק ב' סימן רע"ד): מיר ווייסן וואס די **משנה** זאגט אין מסכת חגיגה (פרק א', משנה ח'), אז **"הלכות שבת כהררים התלוים בשערה שהן מקרא מועט והלכות מרובות"**.

עס איז דא א לאנגען מסכת שבת, און איבער הונדערט סימנים אין שולחן ערוך, תלי תלים פון הלכות, א גאנצע ספרים-שאַנק פיל מיט דעטאלן, און דאס אַלעס לערנט מען ארויס בלויז ווייל די 'מלאכת המשכן' איז געשריבן געווארן נעבן 'שמירת שבת'. פון דארט לערנט מען ארויס די אלע ל"ט מלאכות, און פון דעם קומען ארויס טויזנטער הלכות. דאס אלעס ווערט אנגערופן 'הררים התלוים בשערה', ווייל עס שטייט בכלל נישט קלאר ארויסגעשריבן אין די תורה.

אבער ווען עס קומט צו דער פרשה פון פנחס, זעען מיר פונקט פארקערט. פנחס האט גע'הרג'עט זמרי בן סלוא און כזבי בת צור, און די שבטים האבן אים שטאַרק מבזה געווען און חוזק געמאַכט פון אים. פנחס האט געדאַרפט ארויסגיין מיט א געוואַלדיגע שטאַרקייט

און נישט מורא האָבן פון קיינעם. דאָ איז די תורה הקדושה מורא'דיג מאריך. די תורה שרייבט ברייט אויס "בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי", זי פאַרציילט מיט אלע דעטאלן וויאזוי ער האט אוועקגענומען דעם חרון אף, און די תורה איז מאריך אין זיין געוואלדיגן שכר וואס ער האט באקומען.

פרעגט דער אלטער פון קעלם: **געוואַלד! די גאנצע הלכות שבת זענען קוים געשריבן געווארן אין די תורה בקיצור נמרץ, און דא ווען עס קומט צו דער מעשה פון פנחס שרייבט די תורה אזוי ברייט און שרייבט די גאנצע אלעס מיט אזא לענג?**

זאגט דער אַלטער פון קעלם א יסוד נורא:

**יא!** ווייל ווען א מענטש קומט מקיים זיין מצוות אדער זיך היטן פון עבירות, איז עס טאקע א גרויסע מלחמת היצר, אבער ער קען זיך נאך ספראַוועון דערמיט און עס בייקומען. אבער **ווען עס קומט צו האבן די 'שטאַרקייט', און די 'גבורת דקדושה' צו גיין קעגן מענטשן און נישט קוקן וואס די וועלט זאגט, דארט ווערט דער מענטש זייער שוואַך.**

און פונקט דערפאַר האט די תורה דאָ אזוי מאריך געווען, ווייל די תורה וויל דיר זאָגן אז דאס איז די גרעסטע מלחמת היצר וואס א מענטש האָט, און זי וויל ארויסברענגען די געוואלדיגע חשיבות דערפון.

**חזק חזק!!!** טויש דיין לעבן צום גוטן דורך עקשנות און דורך יראת שמים, און דורך דעם וועג ווי אזוי דו פירסט דיין שטוב. זיי ווי פנחס און קוק נישט וואס אנדערע מענטשן זאגן! פלוצלינג, נאך א חודש אדער צוויי, וועסטו זען אז יעדער רעספעקטירט דיך, און דו וועסט מצליח זיין און באקומען דיין שכר סיי אויף דער וועלט און סיי אויף יענער וועלט.

**א לעכטיגן תמיד!**

## בין המצרים

# די געוואלדיגע באהאלטענע אוצרות וואס ליגן באהאלטן אין די דריי וואכן

### "אבילות" אדער "קרא עלי מועד"?!

פון איין זייט ווייסן מיר אז אין די דריי וואכן, בפרט אין די ניין טעג - ווער רעדט נאך דעָם טאג פון תשעה באב אליין - זענען מיר בצער, מיר וויינען און מיר קלאָגן אויפ'ן חורבן בית המקדש. מיר טוען תשובה און מיר פרובירן צו טון אלעס וואס מיר קענען כדי צוריק אויפצובויען דעם הייליגן בית המקדש.

אבער פון די אנדערע זייט זעען מיר אז תשעה באב - שוין אנגעהויבן פון ערב תשעה באב - זאגט מען נישט קיין 'תחנון'. ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין **שולחן ערוך** (או"ח סי' תקנ"ד סי"ב, ותקנ"ט ס"ד), ווייל דער טאָג ווערט אָנגערופן א 'מועד', "**קָרָא עָלַי מוֹעֵד**" (איכה א, טו). עס איז ממש ווי א 'יום טוב'. מיר קענען אויך דעם בּאַקאַנטן **ירושלמי** אין מסכת ברכות (פרק ב', הלכה ד'), און אזוי שטייט אויך אין **מדרש**, אז משיח איז געבוירן געווארן אום תשעה באב.

לכאורה, זעט דאס אויס ווי א מורא'דיגע סתירה?

בעז"ה, וועלן מיר דורכלערנען די ברייטע, טיפע און ליכטיגע סוגיא, וואס וועט אונז באלייכטן און מחזק זיין. עס וועט אונז העלפן בויען אונזער 'ציפיה לישועה', און העלפן בויען בפועל דעם בנין בית המקדש השלישי במהרה בימינו אמן.

### חורבן ביהמ"ק - פארוואס דוקא אין די דריי וואכן?!

לאמיר מקדים זיין צוויי יסודות, און שפעטער וועלן מיר זען ווי די צוויי יסודות בּאַלייכטן די גאנצע סוגיא.

עס פרעגט זיך א מורא'דיגע קשיא: די גוים זענען געקומען און ארומגערינגלט ירושלים עיה"ק, ווי די **משנה** זאָגט (תענית פ"ד, מ"ו) "הובקעה העיר בשבעה עשר בתמוז". דאַרף מען פארשטיין, **פאַרוואָס האבן זיי אויסגעקליבן דוקא דעם טאָג פון 'שבעה עשר בתמוז'?**

די זעלבע שאלה פרעגט זיך נאָכאַמאָל ביי תשעה באב. וואס איז ליידער געווען די שריפת בית המקדש, סיי ביים ערשטן און סיי ביים צווייטן בית המקדש, איז געווען אום 'תשעה באב'. **פאַרוואָס פונקט דעם טאג?**

די קשיא איז נאָך פיל שטערקער: אויב האבן די גוים געוואלט מצער זיין אידישע קינדער און זיי ווייטון, וואלטן זיי דאך געדאַרפט מאכן דעם חורבן למשל אום יום הקדוש, אדער פסח, שבועות אדער סוכות - די סאַמע העכסטע צייטן ביי כלל ישראל. **וואס עפעס האָבן זיי אויסגעקליבן 'תשעה באב'? בזמן שבית המקדש היה קיים איז דאָך תשעה באב בכלל נישט געווען קיין ספעציעלער טאָג?**

נאָר אז מען זעט אז די גוים האבן דוקא אויסגעקליבן דעם טאָג, זעט מען אז זיי האבן דאָ געפילט אַ בחינה פון 'מזלייהו חזי'. די כוחות הטומאה האָבן געשפירט אז די כוחות הקדושה זענען

דאָ אין די טעג איום ונורא. די כוחות הטומאה האבן געפילט אז דאָס איז דער 'העכסטער טאָג' פון יאר, נאך מער פון אלע ימים טובים, איז דוקא 'שבעה עשר בתמוז', דוקא 'תשעה באב', און דוקא דאָרט האבן זיי געוואלט מלחמה האלטן.

**וואס איז טאַקע דער סוד וואס ליגט דאָ באהאלטן?**

### יסוד א': תשעה באב 'יום לידת משיח'

דער **ערשטער יסוד** דאָס צו פאַרענטפערן איז ווי מיר האבן פריער געברענגט פונעם ירושלמי, אז **אום תשעה באב ווערט 'משיח געבוירן'**. און וויבאלד די גוים האָבן געוואוסט אז אום תשעה באב ווערט משיח געבוירן, האָבן זיי דוקא אין דעם טאָג געוואלט צוברעכן און צוקנאַקן כלל ישראל. אבער מיר ווייסן דָאך, "נֵצַח יִשְׂרָאֵל לֹא יְשַׁקֵּר" (שמואל א, טו, כט), זיי האבן גאָרנישט געקענט באַוויזן, און בקרוב וועט אויפגעבויט ווערן דער בית המקדש השלישי, בב"א.

דאָס פאַרענטפערט שוין פאַרוואָס די גוים האבן אויסגעקליבן דוקא דעם טאָג 'תשעה באב'.

### יסוד ב': די צוויי שלבים - 'קידושין' און 'נישואין'

דער **צווייטער יסוד**: דער הייליגער **אלשיך הק'** (פרשת יתרו) ערקלערט, אז ווען אידישע קינדער זענען ארויס פון מצרים, האָט דער רבוש"ע כביכול געוואלט חתונה האָבן מיט זיי. מיר ווייסן אַלע אז די חתונה איז געווען ביי 'מתן תורה', ווי די **משנה** זאגט סוף מסכת תענית אויפן פסוק (שיר השירים ג, יא) "בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ וּבְיוֹם שִׂמְחַת לִבּוֹ"- דאָס מיינט מתן תורה.

אבער דער אלשיך הק' לייגט צו, אז די חתונה ביי מתן תורה איז נאָר געווען דער **ערשטער שלב**, עס האָט נאך אויסגעפעלט אַ **צווייטער שלב**. ער ברענגט אַראָפּ א **מדרש** און א **זוהר הק'**, וואס זאָגן אז אידישע קינדער האבן געהאַט א דין ווי א 'שבויה' און א 'גיורת', וואס מיר ווייסן דאָך אז ווען א שבויה אדער א גיורת וויל חתונה האבן מיט א איד, דאַרף זי קודם וואַרטן 'דריי חדשים' זיך צו רייניגן, כדי צו קענען מבחין זיין צווישן טומאה און קדושה.

זאָגט דער הייליגער אלשיך: די אידן זענען ארויס פון מצרים ווען זיי זענען געווען טיף אין די מ"ט שערי טומאה, אין אַ מורא'דיגער שפלות, ממש א בחינה פון א 'שבויה'. זיי האבן געדאַרפט ארויסגיין פון די טומאה, און כדי חתונה צו האבן כביכול מיט'ן רבוש"ע, האבן זיי געדאַרפט וואַרטן דריי חדשים.

דער אייבערשטער האט געזאָגט אז נאך די 'זיבן וואכן פון ספירה' - ווען די אידן האָבן געציילט די ניין-און-פערציג טעג און געארבעט מורא'דיג שווער זיך צו מזכך זיין - **דאָס איז געווען דער ערשטער שלב, און מען האט שוין געקענט מאַכן די 'קידושין'**. דער שלב א' האט געקענט פאַסירן נאך איידער די דריי חדשים זענען אדורך, און דאָס איז טאקע געווען ביי 'מתן תורה'.

אבער, זאגט דער אלשיך הק', **עס האָט נאך אויסגעפעלט שלב ב', וואס דאָס זענען די 'נישואין'**. דערויף האט מען געדאַרפט וואַרטן ביז 'שבעה עשר בתמוז', ווען עס ענדיגן זיך די ניינציג טעג (-דריי חדשים). דעמאָלטס האט משה רבינו געדאַרפט אַראָפּקומען מיט די לוחות, און דעמאָלטס וואלט געווען דער גמר הנישואין, די בחינה פון "צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה" וואס וועט זיין לעתיד לבוא. דעמאָלטס וואלט געווען דער "קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה" אויף וואָס מיר אַלע וואַרטן אזוי שטארק.

ליידער אבער ווייסן מיר וואָס עס האט פאַסירט יענעם טאָג שבעה עשר בתמוז, אז משה רבינו האט צעבראכן די לוחות.

קומט אויס א מורא'דיגע זאַך לויטן אלשיך הק': **שבעה עשר בתמוז איז בעצם דער גרעסטער טאג פון יאָר, ווייל דעמאלטס וואלט געדאַרפט זיין די בחינה פון 'יחוד'.**

### תשעה באב - 'יחוד השלם'

**יעצט לאמיר מאכן דעם חשבון:** מיר ווייסן אז עס זענען דאָ דריי ימים טובים: פסח, שבועות און סוכות. יעדער איינער פון זיי איז זיבן טעג. פסח האט זיבן טעג, שבועות האט אויך זיבן טעג (ווייל עס זענען דא די 'ימי תשלומין'), און סוכות האט זיבן טעג. מיר ווייסן אויך אז עס איז דאָ א פערטער יום טוב, שמיני עצרת, אויף וואס דער זוהר הק' זאגט אז דער אייבערשטער זאָגט: "איך וויל זיין כביכול מיט אידישע קינדער אליין", א בחינה פון **'יחוד'**.

לאמיר יעצט רעכענען: ווען משה רבינו קומט אַראָפּ מיט די לוחות שבעה עשר בתמוז און עס ווערט דער 'יחוד' מיט די אידישע קינדער, וואלטן זיך דעמאלטס אָנגעפאַנגען דריי וואָכן פון געוואלדיגע ימים טובים און די סעודת החתונה. די ערשטע וואָך וואלט געווען קעגן פסח, די צווייטע וואָך קעגן שבועות, און די דריטע וואָך קעגן סוכות. (ווי עס ווערט געברענגט אין **אוהב ישראל** און אין **מאור ושמש**, אז די דריי וואכן פון 'בין המצרים' זענען קעגן די 'שלש רגלים'. נאך מער, זיי זאגן אז דאס איז גאָר דער **שורש** פון די שלש רגלים, עי"ש).

דער לעצטער טאָג, וואס איז דער גמר פון די איין-און-צוואנציג טעג פון די דריי וואָכן - ימים טובים, דאס איז תשעה באב, וואלט געווען די בחינה פון שמיני עצרת - דער ענין פון **'יחוד השלם'**. דער זוהר הק' זאגט טאקע אז שמיני עצרת איז מרמז אויף די בחינה פון 'יחוד השלם', און אזוי ווערט אויך געברענגט בשם דעם הייליגן **רבי ר' בונם** זי"ע, אז אום שמיני עצרת געפינען מיר נישט קיין שום מצוה מיוחדת, וואס דאס איז א בחינה פון 'מצוות בטילות לעתיד לבוא'. אזוי וואלט עס באמת געדאַרפט זיין.

נאָר וואס דען, ועכשיו אבדנו כולה, מיר האָבן עס פאַרלוירן. אבער **מיר מוזן וויסן אז מיר האבן עס בלויז פאַרלוירן אויף 'צייטווייליג', און ביסודו ליגט אין שבעה עשר בתמוז אַן אור פון 'יחוד', אין די דריי וואָכן אליין ליגט דער אור פון די 'דריי ימים טובים', און אין תשעה באב ליגט באַהאַלטן דער אור פון 'שמיני עצרת'.**

די גוים, וואס 'מזלייהו חזי' דערפאַר האבן זיי געלייגט א מורא'דיג אויג דערויף און זענען געקומען

דייקא אין די דאָזיגע דריי וואכן. אבער מיר דאַרפן וויסן אז מיר גייען דאָס יעצט ארויסנעמען פון די חושך. מיר גייען יעצט מגלה זיין דעם 'יתרון האור מן החושך' און ארויסנעמען די געוואלדיגע בריליאנטן דערפון. מיר גייען צוריקברענגען 'ושמחת עולם על ראשם', די 'לוחות ראשונות', און די כתרים פון 'נעשה ונשמע'. מיר גייען צוריקברענגען די הייליגע אורות פון די וואָכן, פון שבעה עשר בתמוז, פון תשעה באב, פון די דריי ימים טובים - פסח, שבועות און סוכות - וואס ליגן באַהאַלטן אין די דריי וואכן, און דעם 'יחוד השלם' פון שמיני עצרת, ווען עס ווערט געבוירן די נשמה פון משיח.

### די דריי וואכן: א ´בכיה´ פון איין זייט און א ´שמחה´ פון די אנדערע זייט

קומט אויס אז יעצט פאַרשטייען מיר שוין זייער גוט: פון איין זייט איז טאקע דאָ א 'בכיה', מיר פראַווען אבילות, מיר וויינען און קלאָגן ווייל דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, און דערוויל נאָך נישט אויפגעבויט געוואָרן, אבער פון די אנדערע זייט האבן מיר א 'שמחה מסותרת', א באַהאַלטענע שמחה. אזוי ווי דער פסוק זאגט "קָרָא עָלַי מוֹעֵד", מיר זאגן נישט קיין תחנון ווייל מיר ווייסן אז אין די טעג ליגן באַהאַלטן געוואלדיגע אוצרות, און מיר דאַרפן דאָס בלויז מגלה זיין.

(בעז"ה וועלן מיר אין די קומענדיגע שיעורים מרחיב זיין אין דעם ענין, און מיר וועלן עס קלאָרער פאַרשטיין לויט די צוויי יסודות וואס מיר האבן יעצט אוועקגעשטעלט).

דער אייבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן שוין זוכה זיין צו דעם וואס עס ווערט גע'פסק'נט אינעם **רמב"ם** אין הלכות תעניות (פרק ה', הל' י"ט) און עס ווערט אויך אַראָפּגעברענגט אין **שולחן ערוך** (או"ח סי' תקנ"ב ס"א), וואס ברענגט דעם פסוק וואס דער 'נביא' זאגט (זכריה, ט, יט): "כֹּה אָמַר ה' צְבָאוֹת, צוֹם הָרְבִיעִי וְצוֹם הַחֲמִישִׁי וְצוֹם הַשְּׁבִיעִי וְצוֹם הָעֲשִׂירִי יִהְיֶה לְבֵית יְהוּדָה לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה וּלְמֹעֲדִים טוֹבִים, וְהָאֱמֶת וְהַשָּׁלוֹם אֱהָבוּ". במהרה בימינו, אמן!

## שבת קודש

# דער פייער פון שבת קודש ברענט שוין א גאנצע וואך!

### א גאנצע וואך קאכט מען זיך מיט'ן שבת קודש!

"**אוי אוי, שבת איז טייער, עס ברענט ווי א פייער, ממש מעין עולם הבא. אוי, ווער קען עס שפירן? דער וואס טוט זיך אידיש פירן, פאר דעם איז דאך גוט בזה ובבא, אוי ווייי, בזה ובבא...**"

עס איז דאָ א מצות עשה פון "זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ" (שמות כ, ח). דער הייליגער **רמב"ן** אין פרשת יתרו לערנט ארויס אז דאָ ליגן צוויי באזונדערע מצוות: די ערשטע מצוה איז צו הייליגן דעם שבת ווען ער קומט אריין דורך מאַכן קידוש אויף אַ כוס וויין. די צווייטע מצוה איז, אז מען דאַרף געדענקען און דערמאַנען דעם שבת א גאַנצע וואך.

דער רמב"ן ברענגט אַראָפּ א מדרש אין **מכילתא**, וואו די הייליגע חז"ל לערנען אונז צוויי זאכן:

**א'**. מען דאַרף דערמאנען שבת דורכאויס די גאַנצע וואָך. אויב דו טרעפסט א שיינע חפץ, א געשמאקע מאכל, אדער סיי וועלכע זאך וואס קען צוגעבן א חשיבות צום שבת טיש, זאלסטו עס שוין אָנגרייטן נאָך איידער שבת קומט אריין.

**ב'**. נאך אַ זאך ברענגט דער מדרש בשם רבי יצחק: "**לא תהיו מונין כדרך שאחרים מונין**", מען זאל נישט ציילן די טעג פון די וואך מיט נעמען אזוי ווי די גוים טוען, "**אלא תהיו מונין לשם שבת**", נאָר מען דארף ציילן אַלעס אין באצואינג צום שבת: יום א' לשבת, יום ב' לשבת. דאס לערנט אונז א געוואלדיגן יסוד: **א גאַנצע וואך דאַרף מען קאָכן מיט'ן שבת קודש!**

אזוי אויך שרייבט דער הייליגער **חרדים** (אין פרק י"ג אות ב', און אין פרק ט' אות ל"ג), אז עס איז דא א מצות עשה צו זאגן יעדן טאג "**היום יום ראשון בשבת**" א.א.וו. און ער זאגט מען זאל חלילה נישט ניצן די נעמען וואס די גוים האבן געגעבן פאַר די טעג.

כידוע, שרייבט דער הייליגער **חתם סופר** אין פרשת בא (ד"ה החודש הזה): "**וזה תוצאות מוסר שנכתב במכתבים מקדמת דנא יום ראשון בשבת**". דער חתם סופר זאגט אז מען זאל זיך פירן פונקט ווי דער רמב"ן שרייבט, און ער פירט אויס מיט שאַרפע ווערטער: "**לא ח"ו כמספרם של אומות העולם**", מען זאל נישט ציילן די טעג ווי די גוים ח"ו.

### שבת - א טאָג ארייננצוברענגען ´אמונה´ אין אונזערע הערצער

אין ספר **מנורת המאור** (נר ג' כלל ד') שטייט א געוואלדיגער יסוד. ער רעדט ארום איבער די דאזיגע מצוה פונעם רמב"ן און די מכילתא, אז מען דאַרף זאגן "יום ראשון בשבת קודש" און זיך קאָכן מיט שבת די גאַנצע וואך, אָן צו דערמאנען די פרעמדע נעמען פון די גוים.

ער לייגט צו אַן אינטערעסאנטע זאך: דאָס וואס מיר ציילן די גאנצע וואך צום שבת קודש, זענען אפילו די גוים מודה דערין. ער ברענגט אז די 'בני

אדום' רופן אָן דעם שבת '**סאַבאַדאַ**' (אזוי ווי מיר זעען טאַקע היינט אין די שפאַנישע שפראַך 'Sabado'), וואס דאס קומט פונעם לשון 'שבת'. אויך ברענגט ער "ובני ישמעאל קורין **סבא'ת**".

דער זעלבער געדאנק שטייט אין **אבן עזרא** אויף פרשת בשלח (קאפיטל ט"ז): "ויום שבת קורין אותו **סבא'ת** בסמ"ך, כי השי"ן והסמ"ך מתחלפין בכתיבתם".

זעען מיר פון דעם די געוואלדיגע קדושה פון שבת, אז אפילו די אומות העולם זענען מודה דערין אין זייערע שפראַכן. אבער ביי אונז אידן איז דאס פיל טיפער. מיר דאַרפן וויסן אז די גאנצע וואך דאַרף זיין מקושר מיט'ן שבת קודש, ווייל **אַ גאנצע וואך דאַרף מען קאָכן מיט'ן שבת**.

**וואס איז טאקע דער טעם פאַרוואָס מיר דאַרפן זיך קאכן מיט'ן שבת א גאַנצע וואך?**

אוודאי איז עס א מצות עשה און מיר דאַרפן נישט קיין טעמים, אבער דער רמב"ן זאגט אונז דעם סוד: שבת קודש איז דער יסוד פון 'אמונה'.

דער רמב"ן איז מסביר, אז די תורה הקדושה וויל אז א גאנצע וואך זאל מען שווין זיין פארטיפט אין 'אמונה'. וזל"ק: "**בזכרנו אותו תמיד יזכור מעשה בראשית בכל עת ונודה בכל עת שיש לעולם בורא, ויציב אותנו באות הזה כמו שאמר כי אות היא ביני וביניכם**".

דאס מיינט: דער אייבערשטער וויל אז א גאַנצע וואך זאָלסטו קאָכן אין שבת, ווייל שבת איז דער צייכן צווישן די אידישע קינדער און דעם באשעפער. דאס צייגט אויף אונזער אמונה, און דורך דעם וועסטו אויך דאַנקן דעם אייבערשטן די גאנצע וואָך.

מיר ווייסן דאָך אז שבת איז נישט בלויז א רמז אויף אמונה, נאָר אום שבת זינגט מען און מען לויבט דעם באשעפער, אזוי ווי דוד המלך ע"ה זאגט אין **תהלים** (צב, א-ב): "מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת, טוֹב לְהֹדוֹת לַיהוָה וּלְזַמֵּר לְשִׁמְךָ עֶלְיוֹן". **שבת איז א ספעציעלער טאָג פון שירה וזמרה און דאַנקען דעם אייבערשטן**, דעריבער ווייל דער רמב"ן אז מיר זאלן א גאַנצע וואך זיין צוגעבונדן צו דעם אור.

## די 'מנורה' אין בית המקדש אלס רמז אויף שבת קודש

דער **של"ה הק'** (מסכת שבת פרק נר מצוה, ומסכת חולין פרק תורה אור) זאגט א מורא'דיגע זאך. ער ברענגט דעם מדרש אז מען דאַרף זיך קאכן מיט שבת א גאַנצע וואך, און ער ערקלערט: **שבת קודש איז אזוי ווי א 'מנורה'**. די מנורה אין בית המקדש איז געווען די 'אור' וואס האָט באַלויכטן גאַנץ כלל ישראל.

די מנורה האט מען אָנגעצונדן יעדן טאג, און זי האט געהאַט זיבן רערן. זאגט דער של"ה הק' אז דאס איז מרמז אויף שבת קודש וואס באלייכט די אידישע נשמות נישט נאָר שבת אליין, נאר די גאנצע וואך.

ער זאגט אזוי: דער מיטעלסטער ליכט איז קעגן שבת קודש' די דריי רערן אויף די רעכטע זייט זענען יום ד', ה', ו', און די דריי רערן אויף די לינקע זייט זענען יום א', ב', ג'. פאַרוואָס? ווייל די דריי טעג פאַר שבת גרייט מען זיך שוין צו צום שבת, און די דריי טעג נאָך שבת ציען זיך די השפעה און די שפע פונעם שבת פריער.

קומט אויס אז **א גאַנצע וואך קאכט**



**מען אינעם שבת קודש!** דאָס איז וואָס די מנורה אין בית המקדש איז מרמז, און אַ איד דאַרף וויסן אז די גאנצע וואך אינאיינעם מיט שבת איז איין גרויסע מנורה וואס באַלייכט די אידישע נשמה און די גאַנצע וועלט.

דער של"ה הק' פירט אויס אז די טעג זענען מרמז אויף די הכנה פון די דריי חלקים פון די נשמה יתירה, וזל"ק:

"**שלשה קנים מצד אחד ושלשה קנים מצד השני, וכולם פונים לצד האמצעי שהוא גוף המנורה. כן שלשה ימים קודם שבתא שמקדש עצמו ומכין את עצמו נפש רוח ונשמה**" - דאָס מיינט, די דריי טעג פאַר שבת גרייט איך שוין צו מיין נשמה יתירה אויף אַלע דריי חלקים נפש, רוח און נשמה. "**ושלשה ימים לאחר שבתא**" - דאָס זענען יום א', ב', ג' - "**שנשאר בהם רושם נשמה רוח ונפש**" - עס בלייבט נאך איבער א 'רושם' און אַ רשימה פונעם נפש, רוח און נשמה פון שבת קודש.

זעען מיר ווידער: **א גאַנצע וואך זענען מיר פאַרקאָכט מיט'ן שבת!**

## שבת קודש - א בחינה פון 'נישואין'

נאך א טעם געפינען מיר אין **זוהר הק'**, אין די **כתבי האר"י**, אין די כתבים פונעם הייליגן **רמ"ק**, אינעם הייליגן **סידורו של שבת**, און אינעם הייליגן **אור החיים הק'**, וואס זיי רעדן אלע ארום איבער נאך א טיפן יסוד פאַרוואָס מען דאַרף מאכן די גאנצע וואָך אלץ אַן הכנה לשבת קודש.

מיר ווייסן דאָך אז **שבת קודש איז א בחינה פון 'נישואין'**, עס איז א צייט ווען דער אייבערשטער האט כביכול חתונה מיט די אידישע קינדער. אזוי ווי מיר געפינען שוין אין די **גמרא** (שבת קיט.), אז די הייליגע תנאים - רבי ינאי מיט נאך תנאים - זענען ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין דעם הייליגן שבת קודש, און זיי פלעגן אויסרופן: "**בואו ונצא לקראת שבת המלכה!**" "**בואי כלה, בואי כלה!**" - זעען מיר קלאָר אז שבת איז א בחינה פון נישואין.

אזוי אויך זעען מיר אינעם הייליגן **אבודרהם**, וואס ער מסביר די תפילות פון שבת קודש אז דאס גייט ארויף

אויף די נישואין און די חתונה פון די אידישע קינדער מיטן באשעפער. ער ערקלערט אז "אַתָּה קִדַּשְׁתָּ" פרייטאָג צונאַכטס איז די בחינה פון 'קידושין'. שבת אינדערפרי ביי שחרית זאגט מען "יִשְׂמַח מֹשֶׁה", דאָס איז שוין די 'שמחת חתן וכלה'. ביי מוסף איז דאס די 'תוספת כתובה'. און ביי מנחה זאגט מען "אַתָּה אֶחָד", ווייל דעמאלטס איז די צייט פון 'יחוד חתן וכלה'.

אין אַנדערע **ראשונים** שטייט, אז שבת בייטאָג זאָגט מען "יִשְׂמַח מֹשֶׁה בְּמַתְּנַת חֶלְקוֹ" און מיר דערמאָנען דעם ענין פון 'מתן תורה', וואָס דעמאָלטס איז געווען "כפה עליהם הר כגיגית" (עי' מסכת שבת פח.), וואָס דאָס איז אַ בחינה פון 'חופה'. קומט אלזא אויס אז ביינאכט איז די בחינה פון 'קידושין', בייטאָג איז די בחינה פון 'חופה', און ביי רעוא דרעווין - ביי מנחה צייט - איז דער 'יחוד' פון "אַתָּה אֶחָד וְשִׁמְךָ אֶחָד". עס קומט אויס אז שבת איז די חתונה פון כנסת ישראל צום אייבערשטן.

יעדער פאַרשטייט אז צו א חתונה דאַרף מען האבן אַן 'הכנה' ווי עס דאַרף צו זיין. אויב אזוי, גיי איך זיך שוין אָנגרייטן פשוט פון זונטאג אָן!

נאָך א מהלך ווערט געברענגט אין די **אחרונים**, אז **שבת קודש איז די חתונה אליין!**, און אזוי ווי ביי א חתונה פראַוועט מען זיבן טעג שבע ברכות, איז שבת אליין שוין דער ערשטער טאָג.

## הכנה לשבת קודש ביי די הייליגע צדיקים א גאנצע וואך!

עכ"פ, מיר גרייטן זיך צו צום שבת קודש א גאַנצע וואך מיט אמונה און מיט הודאה צום באשעפער. מען גרייט זיך צו א חתונה.

עס איז ידוע אויפ'ן הייליגן **באר מים חיים** זי"ע, אז א גאנצע וואך האט ער געגעסן ממש נאָר כדי חייו - פאַרשטייט זיך דער צדיק מיט זיין גרויס קדושה - דאָך **פלעגט דער הייליגער באר מים חיים יעדע מיטוואך ארויסגיין אליין זיך שוין אָנגרייטן און קויפן מטעמים לכבוד שבת.**

נישט נאָר דאס, נאָר ער האט נישט געלאזט קיינעם אים העלפן! אזוי ווי מיר געפינען אין די גמרא אז די הייליגע תנאים און אמוראים האבן אליין צוגעגרייט זאַכן לכבוד שבת. און ווי דער הייליגער **שולחן ערוך הרב** אין או"ח סימן ר"נ ערקלערט אינעם קונטרס אחרון, אז **אַנצוגרייטן לכבוד שבת איז פונקט ווי לייגן תפילין, און מען קען נישט יוצא זיין דורך א שליח ווייל עס איז א "מצוה בו יותר מבשלוחו".**

**ביים הייליגן באר מים חיים האט די קדושת שבת שוין אזוי געקאָכט פון מיטוואך אָן, אז ער אליין איז שוין געגאנגען איינקויפן!**

דער הייליגער **בעלזער רב** זי"ע האט נאך געזאָגט בשם זיין טאטן דער הייליגער **רבי ישכר דוב** זי"ע, וואס האט עס געהערט בשם דעם הייליגן **מיטעלער רב** זי"ע, וואס ער האט עס געהערט פון זיין טאַטן דער הייליגער **שר שלום** זי"ע, אז **ביים הייליגן עטרת צבי פון זידיטשוב זי"ע האט זיין פנים שוין געלאכטן פון קדושת שבת אנגעהויבן פון מיטוואך נאכמיטאג!**

אין ספר **עשר קדושות** (מערכה כ') ווערט אַראָפּגעברענגט נאך א זאַך וואס רבי ישכר דוב זי"ע האט געזאגט: **אז דער הייליגער עטרת צבי האָט פון דאנערשטאג נאָכמיטאָג שוין נישט געקענט זען געהעריג מיט זיין אויגן צוליב די גרויסע לעכטיגקייט פון שבת קודש!**

## הכנה לשבת קודש בצל קדשו של הרה"ק מצאנז זי"ע

מיר וועלן ענדיגן מיט א מורא'דיגע מעשה וואס דער גרויסער גאון, דער בעל **מנחת יצחק** זצ"ל גאב"ד ירושלים, וואס אלס קינד איז ער געבוירן און אויפגעוואקסן אין די שטאט 'דאלינא', האט געהערט פון הרה"צ **רבי יהודה הערש דאַלינער** זצ"ל וואס האט דארט געוואוינט.

ער האָט אים אליין דערציילט, אז אין זיין ערשטן יאר נאָך די חתונה איז ער געווען אַן איידעם אין די משפחה פונעם הייליגן **צאַנזער רב** זי"ע, און ער האט געגעסן קעסט ביים זיידן דעם דברי חיים.

כידוע האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע געפירט א טיש יעדן טאג. (אגב, עס איז באקאנט וואס דער הייליגער בעל שו"ת **שואל ומשיב** האט געזאגט: **"תשובות ווי פונעם צאנזער רב קען איך אויך שרייבן, אבער שרייבן אזעלכע תשובות נאך אזא 'עבודת התפילה', און 'פירן טיש' יעדן טאג מיט אזעלכע 'צדקות' און געוואלדיגע 'עבודה', דאָס קען איך נישט באווייזן!").**

איין מאָל מיטוואך, האט דער הייליגער צאנזער רב געפירט א טיש, און ביים סוף ווען ער האט געענדיגט עריכת שלחנו הטהור, האָט ער געזאגט אַפּאָר איינציגע ווערטער:

**"דער עולם זאל זיך גרייטן צום הייליגן שבת הבא עלינו לטובה!"**

דאס זענען געווען די ווערטער פונעם הייליגן צאנזער רב. ער האט נישט צוגעלייגט קיין שום הסברים אדער מדרשים, נאר געזאגט די הייליגע ווערטער.

האט רבי יהודה הערש דאלינער דערציילט, אז עס איז אריינגעגאנגען אזא מין פייער און אזא לעכטיגקייט פון קדושת שבת אין דעם גאנצן עולם, אז מען האט פשוט פארגעסן אז מען האַלט נאך אינמיטן מיטוואך...

רבי יהודה הערש האט ווייטער דערציילט פאַר'ן בעל מנחת יצחק, אז **ער איז אהיימגעגאנגען, זיך אנגעטוהן די בגדי שבת און געגאנגען אין מקוה, ווייל ער האט געפילט אז מען גרייט זיך שוין פאר שבת קודש. ערשט ווען ער איז אנגעקומען אין מקוה און געזען אז עס איז פארשלאסן, האט ער אנגעהויבן צו כאפן אז ער האט זיך טועה געווען און מען האלט נאך אינמיטן די וואך...**

דער אייבערשטער זאל העלפן, אז אזוי ווי מיר רעדן פון די הייליגע צדיקים - וואס איז דאך בחינת 'נכנס לחנוני של בושם' - אפילו זיי זענען געווען אויף גאָר הויכע מדריגות, ברענגט דאס דערציילן די סיפורים מיט אמונת צדיקים אריין א שטארקע השתוקקות, און דאס וועט זיכער זיין 'טופח על מנת להטפיח'.

א לעכטיגן און פרייליכן שבת!!!

## טבריא של מעלה

**די רייכע היסטאריע פונעם עיה"ק 'טבריא של מעלה', א בליק אויף די צדיקים וואס האבן באלאכטן דעם ישוב, און די קדושי עליון וואס זענען דארט נטמן געווארן**

# הרה"ק רבי ר' מנחם מענדל מוויטעבסק זי"ע

## בעמיה"ס פרי הארץ

### פרק ה': המשך - די געוואלדיגע גדלות פונעם הייליגן רבי ר' מענדלע זי"ע בפי הצדיקים, און זיין אנקומען און זיך באזעצן אין ארץ הקודש אינאיינעם מיט הרה"ק הכהן גדול מקאליסק זי"ע

#### דער תלמיד הרה"ק רבי ישראל פאליצקער זי"ע

הרה"ק **רבי ישראל פאליצקער** זי"ע, איז געווען פון די תלמידים פונעם גרויסן מגיד און א תלמיד פונעם הייליגן רבי ר' מענדלע נאך די פטירה פונעם מגיד.

כידוע איז דער הייליגער רבי ישראל פאליצקער געווען אַ איש קדוש ונורא, ביז אזוי ווייט אז ווען ער איז געווען אין חוץ לארץ אלץ 'שד"ר' צו זאַמלען געלט פאַר די חבריא קדישא, איז ער דורכגעגאַנגען די שטאָט 'פאסטוב', וואו עס איז מקום מנוחתו פון דער הייליגער **רבי אברהם ה'מלאך'** זי"ע, דער זון פונעם גרויסן מגיד.

אינמיטן די נאכט האט זיך דער מלאך נתגלה געווען צו רבי ישראל פאליצקער, און אים געבעטן אז **ער וויל ער זאל ליגן לעבן אים אין פאסטוב!** - אין אנדערע ווערטער, ער האט אים געבעטן ער זאל שוין אוועקגיין פון דער וועלט... ער האט מסביר געווען אז ער וויל האבן א גוטן שכן, ווייל קיינער ליגט נישט דארט לעבן אים.

דער הייליגער רבי ישראל פאליצקער האט דערציילט די מעשה פאַר'ן הייליגן **רבי ר' זושא** זי"ע, און דער הייליגער רבי ר' זושא האט זיך שטאַרק איינגעבעטן ביי אים ער זאָל נישט מסכים זיין. אבער צום סוף איז דער 'מלאך' געקומען צו רבי ישראל פאליצקער א צווייטע און א דריטע מאָל, ביז דער הייליגער רבי ישראל פאליצקער האט געזאָגט: **"איך קען נישט אָפזאגן דעם הייליגן מלאך, בפרט אז ער איז דער זון פון מיין הייליגן גרויסן רבי'ן, ס'איז נישט קיין כבוד פאַר'ן מגיד"**. און ממש אין יענעם טאג איז ער נסתלק געווען אין חוץ לארץ, און ער ליגט טאקע לעבן דעם הייליגן מלאך אין פאסטוב.

דאס מיינט, אז כאָטש רבי ישראל פאליצקער איז ארויף קיין ארץ ישראל מיט רבי ר' מענדלע און די חבריא, און כאָטש ער האט געשריבן בריוו פון ארץ ישראל, קען מען פרעגן: ווי אזוי קומט ער אן קיין חוץ לארץ? נאָר דער תירוץ איז, אז ער איז געווען א 'שד"ר', און צוליב די מעשה מיטן הייליגן מלאך ליגט ער טאקע אין חו"ל.

#### די בתי כנסיות אין צפת, און די מקוה האר"י

אין אַ בריוו וואס איז געדרוקט אין פרי הארץ (מכתב א', שנת תקל"ח) שרייבט דארט רבי ישראל פאליצקער וואס ס'האט זיך אָפגעטון דארט ווען דער הייליגער רבי ר' מענדלע מיט דעם הייליגן קאליסקער זענען אנגעקומען קיין ארץ הקודש.

וזל"ק: **"ומצאנו בה בתים הרבה גדולים וטובים ואין יושב"** - מיר האבן דאָרט געפונען אסאך גרויסע און גוטע הייזער וואו מ'קען זיך באַזעצן, **"וכעת אנו מתפללין בבית הכנסת של הבית יוסף"**. זיי האבן געדאַווענט אין די שול פונעם הייליגן **בית יוסף** זי"ע.

דאס איז אויך א זאַך וואס איז א חידוש וואס ווערט כמעט נישט דערמאַנט אין די קורי הדורות, וואו רבי ר' מענדלע האט געדאַווענט אינאיינעם מיטן קאַליסקער אין צפת. דאָ האבן מיר א קלארן בריוו אז ער האט געדאַווענט אין בית המדרש פונעם בית יוסף, און צום סוף דערמאַנט רבי ר' מענדלע דאָס אויך אין זיין בריוו: **"ויש כאן שלשה בתי כנסיות בנויים"**, ער שרייבט דארט איבער נאך אסאך שולן.

ער זאָגט ווייטער נאך א חידוש וואס ווערט נישט דערמאַנט אין די קורי הדורות: אזוי ווי די הייליגע חבריא איז געווען אין צפת, שטעלט זיך די שאלה, **וואו האבן זיי זיך גע'טובל'ט? וואו איז געווען די מקוה פונעם הייליגן רבי ר' מענדלע?**

זאָגט ער ווייטער: **"והטבילה במקוה שיסד האר"י ז"ל"**. מ'האָט גענוצט די מקוה וואס דער הייליגער אריז"ל האט מייסד געווען. עס קומט דא ארויס א מורא'דיג שטיקל היסטאָריע וואס באַלייכט אונז די אויגן.

קודם כל ווייסן מיר אז ס'איז דאָ די מקוה האר"י לעבן דעם אַלטן בית החיים אין צפת. יאָרן לאנג האבן מענטשן געפרעגט: ווער זאָגט אז דאס איז טאקע די מקוה האר"י?

אויף דעם דאַרף מען וויסן אז דאס פלאַץ צפת איז פון די צייטן פונעם אריז"ל ביזן היינטיגן טאָג שטענדיג געווען באזעצט מיט אידן און גדולי עולם. ממילא איז די קבלה אז דאָס איז די מקוה האר"י געווען א שלשלת וואָס די קייט האט זיך קיינמאָל נישט איבערגעהאַקט. דאס איז די ערשטע זאך.

די צווייטע זאַך איז, אז דער הייליגער **אור החיים הק'**, וואס איז

ארויף קיין ארץ ישראל אין יאר **תק"א**, איז קודם געווען אין צפת, און **ער שרייבט אין זיין בריוו אז ער האט זיך גע'טובל'ט אין די 'מקוה האר"י'**. האבן מיר שוין א מוסמך'דיגן מקור אז דער אור החיים הק' האט מעיד געווען אז דאס איז טאקע די מקוה האר"י. און יעצט האבן מיר 'בא הכתוב השלישי', די עדות פונעם הייליגן רבי ר' מענדלע צוזאמען מיט דעם הייליגן רבי ישראל פאליצקער, אז דאס איז געווען די מקוה האר"י.

מיר ווילן נאָר צולייגן: ווען מען גייט זיך דארטן טובל'ן דאַרף מען צו וויסן די געוואלדיגע חשיבות פון אזא הייליגן מקוה, ווייל ווי ערווענט איוסער דעם וואס דער אר"י הק' האט זיך דארט גע'טובל'ט, האט זיך דער הייליגער רבי ר' מענדלע מיטן הייליגן קאליסקער, מיטן הייליגן רבי ישראל פאליצקער און מיט די גאנצע חבריא קדישא! אלע האבן זיך גע'טובל'ט אין מקוה אריז"ל.

## די הייליגע חבריא ביי 'קברי צדיקים'

ער שרייבט דאָרט ווייטער נאך א שטיקל היסטאָריע וואס ווערט כמעט נישט אַראָפּגעברענגט אין די קורי הדורות בנוגע צי דער הייליגער רבי ר' מענדלע מיט די חבריא זענען געגאנגען צו 'קברי צדיקים' אין צפת, צו די תנאים און אמוראים.

ס'איז דאָ איין באקאנטע מעשה מיטן קאַליסקער ביים קבר פון **רבי חייא ובניו**, אבער אין די קורות הדורות ווערט עס כמעט נישט דערמאַנט. אבער מיר האבן שוין געשמועסט אז אינעם פריערדיגן בריוו וואס מיר האבן דערמאַנט, שרייבט עס רבי ר' מענדלע, און רבי ישראל פאליצקער דערמאַנט עס יעצט אויך.

ער שרייבט: "**וכל קברי הקדושים הגדולים הָיִינוּ**" - מיר זענען געווען ביי 'אַלע קברים', און ער צייכנט צו: "**ועל קבר האריז"ל התפללנו**", און ער זאגט ווייטער: "**ועל קברי נביאים תנאים ואמוראים עליהם השלום**". דאס מיינט אז מ'איז נישט נאָר געווען אין צפת, נאָר **מ'איז געגאנגען איבעראל**.

## די געוואַלדיגע הארות און מדריגות ביים אָנקומען קיין ארץ ישראל

ווייטער אין בריוו שרייבט ער: איבער די געוואלדיגע מדריגות וואס זיי האבן זוכה געווען ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין ארץ ישראל. "**כמו חלב ודשן תשבע נפשי**", מיר זענען אָנגעזעטיגט ווי מיט האָניג און פעטע מילך, "**בשפתי רננות יהלל פי**" בשעת מיר דאווענען. "**וממעט אשר טעמתי ויארו עיני**", מיט דעם ביסל וואס איך האב טועם געווען האבן מיינע אויגן אויפגעלאָכטן, "**מכל הימים אשר הייתי חי בחוץ לארץ**", מער פון מיין גאַנץ לעבן וואס איך בין געווען אין חוץ לארץ, האב איך יעצט פיל מער טועם געווען, "**הרבה זכיתי**".

מ'דאַרף זיך דא אָפּשטעלן און פאַרשטיין פון וועמען מ'רעדט דאָ.

מ'רעדט דאָ פונעם הייליגן רבי ישראל פאליצקער, מגדולי תלמידי המגיד. ער איז דאך געווען ביים הייליגן מגיד - מיר האבן נישט קיין מושג וואס ס'מיינט צו זיין ביים הייליגן מגיד. און ווען ער איז געווען ביים מגיד, איז ער דארטן געווען צוזאמען מיט אלע זיינע חברים: רבי אהרן הגדול, דער הייליגער פרי הארץ, דער הייליגער רבי ר' אלימלך, דער הייליגער רבי ר' זושא, דער הייליגער הפלאה ואחיו רבי ר' שמעלקא, דער הייליגער בעל התניא, ועוד ועוד. מיר האבן נישט קיין שום השגה וואס דארט האט זיך אָפּגעטון, און מיר קענען נישט משיג זיין פון וואו רבי ישראל פאליצקער איז געקומען.

דאָ, ווען ער איז אָנגעקומען קיין ארץ הקודש, שרייבט ער אז ער האט טועם געווען אזא סארט הויכע מדרגה און א זיסקייט אין עבודת ה', סיי אין דאווענען און סיי אין לערנען, "**מכל הימים אשר ישבתי בחוץ לארץ**" - ער זאגט אז דאָס איז געווען מער פון אַלע זיינע פריערדיגע טעג! - דאָס מיינט צו זאגן: **ער האט דאָ געשפירט א פיל העכערע מדרגה ווי דאס וואס ער האט אַמאָל געפילט אפילו ווען ער איז נאך געווען ביים הייליגן מגיד!**

עס איז זעלבסט-פאַרשטענדליך אז מיר קליינע מענטשן פאַרשטייען נישט וואס דאָס מיינט, אבער עס ליגט דא באַהאַלטן עפעס פיל טיפער. מיר דאַרפן דאנקען דעם אייבערשטן אז די צדיקים האבן געשריבן בריוו און זיך 'פאַררעדט', און דער באשעפער האט עס אזוי צוגעפירט אז ביי די צדיקים, האט זייער פעדער ארויסגעשפריצט פייער און געוואלדיגע סודות פון זייערע הייליגע מדרגות, אָן דעם וואס זיי זאלן אליין באמערקן וואספארא הויכע זאַכן זיי האבן דא אַנטפלעקט...

## דער מורא'דיגער בריוו פון רבי זלמן שר התורה

עס איז דאָ א באקאנטע בריוו, **מכתב ל"ב**, וואס **רבי זלמן שר התורה** (באקאנט אלס 'רבי זלמן ווילנער') האט געשריבן. (דעם טיטל 'שר התורה' האט ער באקומען פונעם הייליגן קאַליסקער וואס רופט אים אזוי אין דעם בריוו). ער איז געווען איינער פון די גרעסטע תלמידים פונעם הייליגן רבי ר' מענדלע, און נאָך זיין הסתלקות האבן דער קאליסקער מיט די אנדערע חבריא געוואָלט אז ער זאָל איבערנעמען די הנהגה. ער איז געווען אַן אדם גדול, אַן ענק שבענקים.

אין יאָר **תקמ"ז**, דאס איז אַ יאָר פאַר די הסתלקות פון רבי ר' מענדלע, האט ער געשריבן א בריוו קיין 'רוסלאנד'. אין דעם בריוו שרייבט ער וואָרט-ביי-וואָרט ממש די ווערטער וואס ער האָט געהערט פון רבי ר' מענדלע. דער גאנצער בריוו איז אזוי געבויט. ער שרייבט דאָרט דברים נוראים איבער די מדרגות און די רוח הקודש וואס רבי ר' מענדלע האט געהאַט, וואס ער אליין האט עדות געזאָגט אויף זיך, און דאס איז אַ געוואלדיגע פלא ווי מיר וועלן זען.

וז"ל פונעם בריוו: "**שמעו ותנו לבבכם להבין אמר אמת**", איך בעט אייך איר זאלט גוט צוהערן צו די אמת'ע ווערטער וואס איך שרייב דא, "**כי הדברים האלו לא הוצאתים מלבי**", די זאכן האב איך נישט אליין אויסגעטראַכט, "**אלא שמעתים ממורי ורבי**", נאָר איך האב עס געהערט פון מיין רבי'ן, "**יודעכם ומכירכם ועל כתפו נשאכם**", "ער וואס קען אייך און ווייסט פונקטליך ווער איר זענט, און ער טראָגט אייך אויף זיינע פּלייצעס", "**ואלו הם הדברים הנאמרים בלשונו הקדוש**". איך גיי יעצט אַראָפּשרייבן



וואָרט-ביי-וואָרט וואס ער האט געזאגט.

ער שרייבט ווייטער: יעדע נאַכט ווען דער הייליגער רבי ר' מענדלע ליינט קריאת שמע שעל המטה, "**נגלו לו כל תלמידי בני אדם הקשורים עמו**", עס באַווייזן זיך פאַר אים אלע טויזנטער חסידים וואס זענען איינגעבינדן אין אים, "**וידע מה עשה בפרטיות**", ער זעט אַלעס וואס טוט זיך מיט זיי, סיי אין רוחניות און סיי אין גשמיות.

ער זאגט ווייטער: "**לא נעלם ממנו דבר קטן וגדול**", גאָרנישט איז נישט פאַרהוילן פונעם רבי'ן, פון דעם קלענסטן זאַך ביזן גרעסטן. און ער פירט אויס: "**וכי לא עומד לתקן בני אדם היודעים לו**" - דאָס מיינט אז ער געפינט זיך אין די הויכע עולמות און ארבעט אויף תיקון הנשמות, זאכן וואס זענען פיל העכער פון א מענטשליכן שכל.

ער זאָגט ווייטער אז דאס וואס ער זעט די טויזנטער חסידים אין חוץ לארץ איז אויף צוויי אופנים: "**סיי מיט א גשמיות'דיגע ראיה און סיי מיט א רוחניות'דיגע ראיה**". עס זענען דא צוויי סארטן וועגן וויאזוי צו זען. פאַר אונז פשוט'ע מענטשן מאַכט עס נישט אויס, ווייל מיר ווייסן אז ביידע זענען רוח הקודש און גאָר הויכע מדרגות.

ער זאגט ווייטער: ווער עס האט זיך נאָר אַמאָל באמת מקשר געווען צו רבי ר' מענדלע, דאַן זעט ער אים: "**כאילו ווי לפניו בדמות דיוקנם ומלבושם**", רבי ר' מענדלע קען זיי זען פונקטליך וויאזוי זיי זעען אויס און וואָס פונקטליך זיי טראָגן!, "**את הכל רואה עינו ורואה בכל יום**", און ער זעט עס יעדן איינציגן טאָג.

ער שרייבט דארט ווייטער, אז כאטש עס איז נישט געווען די געוועגליכע דרך פונעם רבי'ן אזוי ארויסצוזעדן, איז אבער דאַן געווען אַ 'שמחה של מצוה' דארט אין שטאָט. עס זעט אויס אז מען האט דארט געפראַוועט א חתונה, א ברית אדער א קידוש, און אזוי ווי עס איז געווען א שמחה של מצוה מיט אַן אמת'ע התעוררות און אהבה, האט רבי ר' מענדלע ארויסגעלאזט די דאזיגע הייליגע ווערטער.

## אונזער עבודה פון 'התקשרות לצדיקים'

די ווערטער וואס מיר האבן יעצט געלערנט זענען דאך איום ונורא!

א מענטש דארף זיך דא דורכוואַרימען און זיך אויפקאכן מיט א התקשרות צו צדיקים, זעענדיג וואספארא ריזן די צדיקים זענען געווען. ער איז געזעסן דארט אין ארץ ישראל און האט פונקטליך געוויסט וואס טוט זיך אין חוץ לארץ מיט טויזנטער חסידים.

ער האט געוויסט פונקטליך וויאזוי יעדער זעט אויס, און יעדע נאַכט ביי קריאת שמע האט ער געזען די צורה פון יעדן איינציגן חסיד. ער האט געוויסט וואס זיי גייען אדורך אין רוחניות און אין גשמיות, ער האט מתפלל געווען פאַר זיי און געהאָלפן מתקן זיין זייערע נשמות. דאס זענען מורא'דיגע זאכן וואס מען האט שוין דורות לאנג נישט געהערט אזעלכע מדרגות.

און מער פון אלעם, דער וואס פאַרציילט דאס אלעס איז נישט קיין צווייטער ווי 'רבי זלמן שר התורה' אליין! א ריז צווישן ריזן, און ער זאגט עס נאך פונעם הייליגן רבי ר' מענדלע אליין. קומט אויס אז **מיר האבן דא סיפורי מעשיות און דברים נוראים פון א 'כלי ראשון מבשל' ממש!**

**המשך בס"ד אינעם קומענדיגן קאפיטל.**

פארט איר דעם זומער

# אין קאנטרי?

## גליון 'פרדס התורה'

**ווערט אי"ה זיין צו באקומען**

**אין ביהמ"ד "כלל ישראל ד'וואודבערן"**

**א יעדן ערב שבת**

# זעטיגט אייער נשמה און באלייכט אייער שבת!

**א פרייליכן און לעכטיגן שבת!**

בהוקרה,

מערכת פרדס התורה

טבלא